# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XII, No. 3 — 50 CENTS A YEAR — NOVEMBER, 1929

## LETTING GEORGE DO IT

Solomon Shwayder has a strange notion. He is a Jewish lawyer of Denver, Colorado. Last Spring, shortly before the Passover season, he sent out a remarkable invitation to a selected number of prominent Jews. The invitation read as follows:—

**Invitation. In the Name of God, Amen.**

You are invited to attend and participate in a meeting at my home, 663 Fillmore Street, Denver, Colorado, on the Sunday of the next Passover 5689, C. E. April 28, 1929, at 6 p. m., which meeting is hereby called for the purpose of discussing and deliberating upon *the organization of a Jewish Society for the promotion of the Divine Mission of Israel.*

In furtherance of that purpose, this society will in due time select a representative who shall proceed to Jerusalem to confer with our brethren there, who will thereupon issue a Call from Jerusalem to all Israel throughout the Nations of the world, *for the assembly of our Great Sanhedrin at the Holy City of Jerusalem, to review the jurisdiction, judgments and decrees of the Sanhedrin acting at Jerusalem during the Power and Domination of Rome, and especially to consider and review the life and trial of Jesus of Nazareth.*

And the Great Sanhedrin, after the impartial reception of all evidence appertaining thereto, and after the consideration of the historical circumstances surrounding these events, and after hearing every argument by all competent Christian as well as Jewish scholars, learned upon the subject, the Great Sanhedrin shall, after due and careful deliberation, render a true decision, and righteous judgment therein.

All of which acts, decisions and judgments, the Great Sanhedrin shall carefully review and CONSIDER IN THE LIGHT OF THE HOLY SCRIPTURES and in the light of the recent tremendous events arising from the World War, which have profoundly affected the life of all Nations, and which have deeply altered the vital currents of World History. And after due and careful deliberation upon all these matters, the Great Sanhedrin shall fearlessly render true decision and righteous judgments therein and thereby promote the spiritual welfare of all Israel throughout the world.

May the Lord our God guide and bless all acts and deliberations serving to promote these matters to a good and righteous conclusion. AMEN.

(Signed) SOLOMON SHWAYDER,
Chairman Organization Committee.

Issued at Denver, Colorado, U. S. A. on Purim, 5689 (C. E. March 26, 1929).

Accompanying this Invitation, was a long letter of explanation. One paragraph in that letter gives such a striking revelation of Mr. Shwayder's mental processes, that we print it here, and will make comment on it:—

"Since the destruction of Jerusalem by the Roman Power, and in every generation thereafter, and for nearly two thousand years, since the forcible dispersion of the Jewish people among the Gentile nations, violent blood accusations have been hurled against the Jewish people, holding them all responsible and guilty, our ancestors and their descendants alike, of the trial and crucifixion of Jesus of Nazareth.

And for nearly two thousand years, the Children of Israel, in all generations have been compelled to stand mute and silent to all these violent accusations, because the little band of Jews, scattered broadcast throughout the Christian world, dared not to speak and give their answer, and defend themselves in the presence of the vast numbers of hostile Gentile peoples that surround them."

And here Mr. Shwayder lets the cat out of the bag! He thinks that the "Christian World" has hated the Jews because of the charge that the Jews crucified the Lord Jesus Christ; and that if this charge were once quashed and declared untrue, the whole world would love the Jews, and everything would be rosy!

Now there are two fallacies in Mr. Shwayder's reasoning. In the first place, his premise is utterly false. *It simply is not true that Christians hate the Jews for any cause whatsoever.* In spite of all the repeated assertions by Jewish Rabbis and other Jewish leaders, we challenge any Jew to give us a single instance where a true Christian ever hated a Jew. The one foundation commandment that the Lord Jesus Christ gave to His followers was that they love their fellow-man.

Jews were hated and persecuted long before the Lord Jesus Christ was crucified. Did Nebuchadnezzar seize and torture Jews because they crucified Christ? He lived seven hundred years before Christ! Did Rome conquer Judea because the Jews crucified Christ? No, Judea was a Roman subject nation before Christ came. What then is the answer? The true answer is, that we Jews have been a disobedient, stiff-necked and hard hearted nation. We have sinned against God, and God told us that He would punish us for our Sins. So, our account is to be settled not with "Christian nations," but with God Himself! Read the terrible punishments God faithfully warned us He would bring upon us if we disobeyed Him, and then ask yourself if we have not Him with whom to make our settlement:

> The Lord shall cause thee to be smitten before thine enemies: thou shalt go out one way against them, and flee seven ways before them: and shalt be removed into all the kingdoms of the earth . . . . And thou shalt become an astonishment, a proverb, and a byword, among all nations whither the Lord shall lead thee . . . And ye shall be left few in number, whereas ye were as the stars of heaven for multitude; because thou wouldest not obey the voice of the Lord thy God . . . . And among these nations shalt thou find no ease, neither shall the sole of thy foot have rest: but the Lord shall give thee there a trembling heart, and failing of eyes, and sorrow of mind. Deuteronomy 28:25, 37, 62, 65.

In the second place, and this seems to us still more important, Mr. Shwayder, in making such a proposal with regard to the Sanhedrin is really trying to dodge this issue. He is resorting to the old manoever known in political circles as "log-rolling". In the language of the street, he is "Letting George do it." If Mr. Shwayder only knew how serious and solemn is the question he is trying to handle, he would never be so flippant as to make the proposal that some impersonally appointed group of Jews shall make a decision which in its very nature must be made by Mr. Shwayder himself! Pilate tried that trick when he came out before the mob and asked them, "What shall I do then with Jesus which is called Christ?" and the mob howled back at him, "Let him be crucified". And Pilate's name has come down to us thru these 1900 years as the greatest coward that ever lived!

Mr. Shwayder, the question still comes to you and to each individual Jew who reads these lines, "What shall I do with Jesus which is called Christ?" No committee, no Sanhedrin, no assembly of any kind of Jews, however smart, however wealthy, however important in the affairs of the world, can ever answer that question for Mr. Shwayder, or for any Jew. God will never hold Mr. Shwayder responsible for what a Jewish Committee decides, but God will hold Mr. Shwayder responsible for what Mr. Shwayder decides. It is a notorious fact of history that majorities have always been wrong. The decision was made, Mr. Shwayder, 1900 years ago, when Pilate declared, "I find no fault with this man." The question therefore still presses for the answer, "What shall I do with Jesus which is called Christ?"

Mr. Shwayder, upon your answer to this question and upon the answer of every Jew in the world to this question, depends the welfare of our people. God grant that your answer may be "I will accept Him as my Saviour, the only begotton Son of God, the Lamb of God, my atonement who taketh away the sins of this world."

---

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**Come to Our Meetings**

**EVERY FRIDAY . . . . . 8 P. M.**
**EVERY SUNDAY . . . . . 8 P. M.**
**EVERY MONDAY . . . . . 8 P. M.**

**ALL WELCOME**

Plaza Branch, 235 South 4th Street, at Williamsburg Bridge Plaza

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

די קאלטע פארפרוירענע הערצער אפילו אזוי קאלט ווי דער נארט פאול גופא, און ער ברענגט דארט אין יענע הערצער אריין חיות און לעבען, אלעם פריי.

ישוע המשיח דאס ''אור העולם'' האט דעם כח צו בעזייטיגען אלע אנדערע כחות און צוציהען די מענשהייט צו זיך, אזוי ווי ער אליין האט אמאל געזאגט אין ירושלים: "ווען איך וועל אויפגעהויבען ווערען פון דער ערד וועל איך צוציהען די מענשען צו זיך". (יוחנן י"ב, 32).

און אזוי טהוט ער שוין זייט קנאפע 2000 יאהר. יא, ער ציהט גוים און אידען צו גאט ב"ה, ווען מען לאזט זיך נור ציהען. אויך אייך, ליעבער לעזער, וויל ער צוציהען צו זיך. הלואי לאזט איהר נור.

דאכציך איז דאך שוין גוט, ווער מיט שכל הישר וואלט זיך פון אזא וואונדערבארען משיח ענטזאגען? דאך זענען פאראן פיעלע מענשען וואס האבען ליעבער צו בראדזשען אין פינסטערן געמויזעכטס, אבי עס איז נור פינסטער, און לויפען נאך די פערשווארצטע פינסטערניש. קינדער פון פינסטערניש האבען תמיד געהאסט דאס ליכט. זיי פינסטערניש האבען תמיד געהאסט דאס ליכט. זיי האבען תמיד געוואלט דאס אור המשיח פארלעשען, פארניכטען און אויסראטען. האבען זיי עס געקאנט? גאט האט דאס ''אור המשיח'' איינמאל אנגעצונדען וועט עס שוין אזוי שיינען און לייכטען לנצח נצחים.

אין ברית חדשה, מפעלות השליחים ה', 34-39, לעזען מיר, ווען מ'האט געברענגט די שליחים פון ישוע המשיח פאר די סנהדרין אז זיי זאלען זיי בעשטראפען פאר זייער טרייהייט צו ישוע המשיח, איז איינער פון די סנהדרין, ר' גמליאל, אויפגעשטאנען און האט די אנדערע מיטגלידער פון די סנהדרין געווארענט מיט דיעזע ווערטער: "איך זאג אייך, לאזט אב דיעזע מענשען און לאזט זיי געהן, ווייל אויב דער פלאן און די ארבייט זייערע איז פון מענשען וועט עס במילא צושטערט ווערען, אלא איז עס אבער פון גאט, קאנט איהר דאס נישט צושטערען, איהר קאנט נאך חלילה קעמפפען נעגען גאט". אין דיעזער הינזיכט האט ר' גמליאל — אליין נישט וויסענדיג — א נבואה געזאגט, ווייל עד היום קעמפפען אידען געגען גאט, זיי זענען ''על ד' ועל משיחו". ווער עס איז קעגען ישוע המשיח איז אויך קעגען גאט וואס האט זיין חותם געגעבען אז ישוע איז דער אמת'דיגער משיח.

עס איז כדאי דא אנצוגעבען די סמנים פון דער פינסטערניש. די זענען: "כעס, רוגזה, שנאה, נקמה, רכילות, לשון הרע און נאך אזאלכע פינסטערע מדות וואס פארגיפטען און פארדערבען דעם מענש. ווען דער מענש האט אט דיעזע מדות איז עס א סימן מובהק אז אלעס אין איהם, און ארום איהם, איז חושך מצרים און ער דארף אזוי באלד ווי נור מעגליך לויפען צו ישוע המשיח, צום אור העולם, אז ער זאל מיט זיין שטראלענדעם ליכט, פון זיין הערץ די פינסטערניש ארויסטרייבען.

און די סמנים פון ליכט אין ישוע המשיח זענען: ליעבע, פריינדליכקייט, פארגעבונג, ברידערליכקייט, פריעדען און נאך אסאך מעהר אזאלכע גאט געבענשטע מתנות וואס פארזיסען און דערקוויקען דעם מענש וואס בעזיצט זיי.

פערגלייכט פליעז דיעזע צוויי ענטגעגענגעזעצטע סימפטאמען און זעהט וועלכע זענען מעהר ווינשענס־ווערטה.

אמת, די זון־ליכט האט דעם כח צו טרייבען א לופט־שיף. אבער דער ''אור העולם'', ישוע המשיח האט כח צו טרייבען אפילו די פינסטערע מלאכי חבלה ארויס פון מענשליכען הערץ, וואס קיין אנדערער כח קאן עס נישט אקאמפליצירען.

דער וואנדערער דארף ספּעציעל ישוע המשיח אלס זיין ''אור העולם'' איהם צו לייכטען אין דער פינסטער, וואו ער קאן פאלען, ער קאן זיך צושלאגען די פיס, ער קאן זיך צובלוטיגען און צו'ממית'ן. ווער נאך דארף אזוי זעהר דאס ליכט פון ישוע המשיח ווי מיר אידען וואס וואנדערען שוין באלד 2000 יאהר אין דער לאנגער גלות־נאכט, דורך וועלכער צייט מיר אלס נאציאן זענען שוין אסאך מאל געפאלען און זיך אפטמאל צושלאגען און צו'הרג'עט הענד פיס און לייב לעבען!

ישוע המשיח איז נאך היינט דאס ''אור העולם'' פאר יעדען וואס וויל אין איהם גלויבען. ער וויל אויך אייך, ליעבער לעזער, בעלייכטען אייערע וועגען כדי איהר זאלט נישט חלילה פאלען. ער וויל אויך אייך אויפווארעמען און ערקוויקען. יא, ער וויל אויך אייך געבען כח צו ווערען א קינד גאטעס, אזוי ווי עס הייסט אין יוחנן א': "די וואס האבען איהם אנגענומען האט ער געגעבען כח צו ווערען קינדער פון גאט''.

---

## וואס איז א משומד

אסאך מאל הערט מען דאס ווארט "משומד" אלס עפעס שרעקליכעס פאר וועלכען אלע היטען זיך און אנטלויפען. דאס ווארט ''משומד'' איז אזוי פארגיפטעט און קלינגט אזוי שרעקליך אז מען וויל עס גאר נישט אויסריידען אין איין אנשטענדיגע פאמיליע צווישען אנשטענדיגע מענשען. אין א געוויסען זין איז עס טאקע אזוי ריכטיג, ווייל דאס ווארט ''משומד'' מיינט — פארטיליגען, — און וועלכער איד וויל דען פארטיליגט ווערען? ווער רעדט נאך חלילה פארטיליגט ווערען אי פון דער וועלט און אי פון יענער וועלט!

דאגעגען אבער באנוצען זיך זעהר אפט איגנאראנטע אידען און שמאל־קעפיגע שרייבערס און רעדאקטארס מיט דעם ווארט אויף איינעם וואס גלויבט אין ישוע המשיח, מעג ער אויך זיין דער נאבעלסטער און געבילדעטסטער איד אזוי באלד ווי ער זאגט נור אז ער גלויבט אין ישוע המשיח בעטיטעלט מען איהם באלד מיט דעם שרעקליכען נאמען ''משומד''.

וואס מיינען אייגענטליך אזאלכע איגנאראנטע אידען איבערהויפט מיט דעם ווארט משומד? פיעלע פון זיי ווייסען גאר נישט וואס דאס ווארט בעדייט און איבערהויפט ווען דער טיטעל פאסט זיך בעסער צו.

לאמיר נור א בליק געבען אין די הייליגע תורה וואס איז די גרעסטע אויטאריטי, און זעהן וואס דאס ווארט מיינט און ווער עס איז א משומד, א פערטיליגטער.

גלויבט אונז, ליעבער לעזער, אז מיר וואלטען ליעבער געוואלט שרייבען טרייסט־ווערטער פון דער תורה פאר אונזערע ארעמע אידען, וואס זאלען מיר אבער טהון אז אונזער טהעמא צווינגט אונז צו דערמאנען און צו שרייבען עפעס פון דער תורה וואס איז דוקא נישט אזוי זעהר געשמאק און זיס, נייערט עס איז א ביטערער אמת.

אין פרשת תבוא לייענען מיר ווי גאט זאגט:

"והיה אם לא תשמע בקול ד' אלהיך..." שרייבט ער דארט פאר א שרעקליכע פארציע פאר אידען און זאגט דארט אין פסוק 45: "ורדפוך והשיגוך עד השמדך כי לא שמעת בקול ד' אלהיך לשמר מצותיו וחקתיו אשר צוך", ד"ה, אז גאט וועט דורך די קללות, די אידען נאכיאגען ביז ער וועט זיי מאכען פאר משומדים (פארטיליגען). יא, מיר געפינען אין זעלבען קאפיטעל ווידער און ווידער אז גאט זאגט וועגען אידען, זיי צו מאכען פאר משומדים, זיי צו פארטיליגען.

היינט פרעגען מיר אייך זעלבסט, אויב איהר זייט א למדן צי א געוועהנליכער איד. איז עס נישט אמת אז די ווערטער זענען ערפילט געווארען אויף אונזער פאלק? זענען אידען נישט פארטיליגט געווארען פון זייער לאנד שוין באלד 2000 יאהר וואס מ'זעמיר צושפרייט און צוזייעט צווישען אלע פעלקער, און פארטיליגט (משומד'ט) פון אונזער איינען לאנד! זעהט דען נישט יעדער די ערפילונג פון די דאזיגע ווערטער אלץ דערפאר ווייל אידען זענען נישט מקיים גאט'ס מצוות! טא פרעגען מיר אייך, ליעבער לעזער, זענען דען נישט אידען דערפאר אויסגעשפראכענע משומדים לויט גאט'ס ווארט, נעמליך, פארטיליגט פון דעם לאנד וואס גאט האט אונז אמאל געגעבען. דאגעגען אבער מיר גלויביגע אין ישוע המשיח, וואס מיר זענען זיך מוסר נפש פאר דעם אמת וואס גאט ב"ה האט אונז אנפערטרויט אין ישוע המשיח, דורך וועלכען מיר ווערען גאט'ס קינדער און ברענגען אויך אנדערע צו דער הויכער שטופע אין דעם הייליגען משיח, נעמליך, צו פארגעבונג פון זינד און במילא ווערען מיר אויסמשומדים, טא מיט וועלכען רעכט רופען אונז אז יענע ענגהערציגע איגנאראנטען אז מיר זענען משומדים?

---

ווען מיר וואלטען חלילה געוועזען געבליבען דאס וואס מ'זעמיר צופאר געוועזען, נעמליך, אוועק פון ישוע המשיח, אט דאמאלס וואלטען מיר אויך געוועזען אין דעם כלל משומדים, ווייל די זינד וואלט אויך פון אונז געוועזען געמאכט א שטיק שמד־שטיק, נעמליך, א פערטיליגונג און איין אויסראטונג. אבער דאנקען גאט [illegible]ט מיר האבען אנגענומען די גאולה און די נחמה פון ישוע המשיח זענען מיר נישט פערטיליגט נייערט אויפגעלעבט אויפ'ס ניי, ווייל "גאט האט אזוי די וועלט געליעבט אז ער האט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זוהן כדי אז יעדער וואס גלויבט אין איהם זאל נישט פארלוירען ווערען נייערט האבען דאס עוויגע לעבען. (יוחנן ג').

אלזא ווער איז א משומד? דאך ווילען מיר אייך, ליעבער לעזער, נישט אלס אזאלכע רופען, נייערט מיר בעטען גאט ב"ה אז ער זאל אויך אייך בעפרייען דורך דעם הייליגען משיח פון יענעם טרויעריגען משומדך צושטאנד. אבער וואס מיר בעטען אייך איז, אז איהר זאלט כאטש אונז נישט אנרופען מיט יענעם פאר'סם'טען נאמען וואס אנדערע פארדיענען עס ליידער. די אידישע עדיטארס און סתם שרייבערלעך צו־יאזשען זיך צו אפט מיט שמד ארטיקלען און פארגעסען "אז ווען איינער האט פוטער אויפ'ן קאפ טאר ער נישט אויף דער זון געהן".

בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

THE SHEPHERD OF ISRAEL
PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH
אני הוא הרעה הטוב יוחנן י: 11
רועה ישראל
והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד: 23
א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.
VOL. XII, No. 3. 50 CENTS A YEAR NOVEMBER, 1929

# דער צלם איז גובר די לבנה

אין איינעם פון די ענגלישע בלעטער וואס האט געבראכט א בעריכט וועגען דער קאטאסטראפע אין ירושלים, האט אויך מיט זיך מיטגעבראכט און געציינט א מערקווירדיגעם בילד. קיינער וואלט זיך נישט געקאנט פארשטעלען אז אזא זאך זאל קענען דארט געשעהן ווי דאס בילד שטעלט פאר דארט אין יענעם צייטונגס־בלאט.

דאס בילד איז נעמליך פון א אידיש הויז אין ירושלים אויף וועלכען עס איז אויפגעמאלען א קרייץ אויף פארשידענע ערטער פון הויז נעבען צוויי מגן דוד׳ס.



אַ הויז אין ירושלים בעצייכענט מיט א קרייץ אויף אייניגע ערטער, כדי בעשיצט צו ווערען פון די אראבישע אַטאַקעס אין יענער געגענד.

די ערקלעהרונג דערפון איז, אז מאנכע אידען וואס האבען מורא געהאט פאר די אראבער ווען יענע האבען זיך צולאזט אין דער אידישער גאס צו ראבעווען, פלינדערען און מארדען, האבען יענע אידען א קלעהר געטהון אז ווען זיי וועלען ארויפשטעלען אויפ׳ן הויז א קרייץ (וואס אידען רופען אן מיט א פאלשען נאמען "צלם") וועלען די אראבער מיינען אז דארט וואוינט גאר א קריסט, נישט א איד, וועלען די אראבער איבערהיפען אזא הויז און אזוי נאך וועלען יענע אידען ניצול ווערען פון זייערע הענד. (אז און פאר זיך איז עס דוקא קיין נארישע המצאה).

עס איז אבער לחלוטין נישט צום פארשטעהן ווי אזוי א איד וואס גלויבט אז דער קרייץ איז א מין עבודה זרה און האסט איהם בתכלית השנאה, זאל זיך דאך דערמיט באנוצען כדי זיך צו רעטען פון א מעגליכען טויט. מיר פרעגען, היתכן, לויט דעם אידישען דין, ווי די גמרא באשטעטיגט עס, איז דאך עבודה זרה איינס פון די דריי זאכען וואס מ׳דארף זיך בעסער לאזען הרג׳ענען און נישט עובר זיין? (על שלשה דברים יהרג ואל יעבור...) טא ווי אזוי קאן א איד עפעס אזא זאך טהון?

נור מעגליך אז דיזעם ערייגניס איז אן אנדערער סימן פאר אידען. אנצונעמען ישוע המשיח פון וועמען דער קרייץ איז א סימבאל. ישוע רעטעט פון טויט און ברענגט א נייעס לעבען צו אלע וואס שיצען זיך אונטער איהם.

מיר זאגען "אן אנדערער סימן". ווייל עס זענען שוין געגעבען געווארען פון גאט ב"ה אליין אייניגע סמנים וועגען דעם קרייץ אין ישוע המשיח וואס אידען זאלען עס באהערציגען און גלויבען דרין.

צום ערשטען מאל האמיר אזא סימן באלד אויף דער שוועל פון דער אידישער גאולה. אין יענער לעצטער נאכט אין מצרים ווען גאט האט געהייסען אז אידען זאלען קוילען א לעמעלע און נעמען פון דעם בלוט און שפרענגען אויף דער אויבערטיהר און אויף די צוויי בייר־שטידלער אז דאס זאל זיין א צייכען — זאגט גאט ב"ה — כדי ווען איך וועל זעהן דאס בלוט וועל איך איבערהיפען אייער טיהר און ס׳וועט דארט קיין מארד געשעהן ווען איך וועל שלאגען די מצרים". (שמות י"ב). אזוי ווי דאס בלוט וואס גאט האט דאמאלס געהייסען אז אידען זאלען שפרענגען אויף זייערע טיהרען איז געווען א צייכען פאר רעטונג און ערלעזונג, האט עס אבער אויך אהינגעוויזען אויף ישוע המשיח וואס וועט געבען זיין בלוט אויפ׳ן קרייץ אום אונז צו רעטען פון אייביגען טויט און אונז געבען אייביגעם לעבען. ווארען ווען דאס זאל נישט אזוי זיין, קאן מען דאך לגמרי נישט פארשטעהן צו וואס גאט האט בעדארפט האבען א צייכען פון בלוט אויף די אידישע הייזער. וויים דען נישט גאט וואו אידען וואוינען אהנע צייכען? גאט איז דאך א בוחן לבות וכליות, ער קאן אלע אונזערע געדאנקען, וויים ער

Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.